ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## י״ב־י״ג תמוז

(חלק כח)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת בלק, י״ט תמוז, ה׳תשפ״ה (א)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®

770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# י״ב־י״ג תמוז

א. ווי באַוואוסט, איז די גאולה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר (פון זיין פאַרשיקונג) געווען בי״ב־י״ג תמוז: דינסטאָג י״ב תמוז האָט מען דעם רבי׳ן מודיע געווען אַז עס איז אָנגעקומען די פקודה אים צו באַפרייען פון דער פאַרשיקונג אין קאָס־טראָמאַ; נאָר אַזוי ווי אין יענעם טאָג איז דאָרט דער „משרד״ פון דער ממשלה געווען געשלאָסן (ווייל ס׳איז געווען אַ חגא־טאָג), האָט מען די תעודת־שחרור געגעבן דעם רבי׳ן אויף מאָרגן, מיט־וואָך — י״ג תמוז.

גלייך[1] בי״ב תמוז האָט דער רבי געז־זאָגט אַ מאמר חסידות[2] אויפן פסוק[3] „הוי׳ לי בעוזרי ואני אראה בשונאי״, און אויף מאָרגן, נאָכן שחרור בפועל, האָט ער געזאָגט אַ מאמר חסידות[4] בדיבור־המתחיל „ברוך הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב״[5].

דער תוכן פון פסוק „הוי׳ לי בעוזרי ואני אראה בשונאי״ בפשטות איז אַ בקשה אויף לעתיד — מען בעט אַז עס זאָל זיין (מצד דעם וואָס „הוי׳ לי בעוז־רי״) „ואני אראה (די נקמה) בשונאי״[6]; משא״כ „ברוך הגומל לחייבים טובות שגמלני טוב״ איז אַ נתינת שבח והודי׳ צום אויבערשטן אויפן עבר — אויף דעם וואָס „גמלני טוב״.

איז אין פלוג ניט פאַרשטאַנדיק: בפשטות דאַרף אויסקומען, אַז בשעת מען באַקומט אַ בשורה טובה וועגן הצלה ושחרור, דאַרף מען צום אַלעם ערשטן[7] דאַנקען דעם אויבערשטן דערויף, און ערשט דערנאָך האָט אַן אָרט אַ בקשה נוספת כו׳ (על העתיד) — וואָלט דאָך מער מתאים געווען אַז דער ערשטער מאמר חסידות זאָל זיין „ברוך הגומל״?

בדוחק קען מען זאָגן, אַז וויבאַלד דער רבי האָט ביים הערן די בשורה טובה נאָך ניט געקענט מאַכן די ברכה „הגומל״ — היות ער איז נאָך ניט באַפ־רייט געוואָרן בפועל און זיכער איז דאָס ניט „יצא מהסכנה לגמרי״[8] — דערפאַר איז דאַן אויך ניט מתאים געווען צו זאָגן אַ מאמר חסידות המתחיל „ברוך הגומל״[9].

---

1) ראה בהקדמה לקונטרס יד (בסה״מ קונטרסים ח״א. נדפס ג״כ בסה״מ תרפ״ז ע׳ רצב). ועוד.

2) נדפס בסה״מ קונטרסים שם. סה״מ תרפ״ז ע׳ רא.

3) תהלים קיח, ז.

4) נדפס בסה״מ קונטרסים שם. סה״מ תרפ״ז ע׳ רח.

5) וכן אמר עוד מאמר בד״ה זה (נדפס בסה״מ קונטרסים שם. סה״מ תרפ״ז ע׳ ריא) — בש״פ פינחס, שאז עלה לתורה ובירך ברכת הגומל (ראה הנסמן בהערה 1). וראה לקמן הערה 9.

6) ראה מפרשים עה״פ.

7) להעיר מסדר ברכת הנהנין לאדה״ז פי״ב, ס״ז.

8) ל׳ אדה״ז שם פי״ג, ס״ה.

9) אבל דוחק, שהרי אמר מאמר ד״ה ברוך הגומל יום ד׳ י״ג תמוז, אף שלא בירך ברכת הגומל ביום ה׳ בבוקר קודם נסיעתו מקאסטראמא, ונראה שהוא מפני שעדיין לא חזר לביתו ולא נקרא „יצא מהסכנה לגמרי״*, דאל״כ

---

*) להעיר מלקו״ש ח״כ (ע׳ 469) בנוגע לגאולת אדה״ז, דשלימות הגאולה היתה „ביום ג׳ ב׳

**אָבער עס פאָדערט זיך ביאור: ס'איז אַ זיכערע זאַך אַז אויך די** בשורת השחרור **(נאָך איידער מען קען מאַכן ברכת הגומל) דאַרף ברענגען אמירת שבח והודי' לה' — האָט דאָך דער מאמר געקענט זיין פאַרבונדן מיט אַן אַנדער** לשון של שבח והודי'[10] **(ניט מיט „ברוך הגומל"), ועאכו"כ אַז דאָס דאַרף קומען איידער** אַן ענין של בקשה, **ובפרט — די בקשה פון „(ה' לי בעוזרי) ואני אראה בשונאי".**

**ב. בכלל, איז נוסף ע"ז וואָס די עצם גאולה פון רבי'ן איז געווען אַ נס גדול, זיינען אין דעם אויך פאָרגעקומען כו"כ נסים פרטיים.**

**צווישן זיי איז געווען איין מאורע, וואָס אע"פ אַז בשעתו האָט מען אויף דעם ניט געלייגט קיין אַכט — איז אָבער איצט, לאחרי כו"כ שנים, ווען מען באַטראַכט דעם ענין „רואיקער־הייט", באַנעמט מען אַז באמת איז דאָס געווען אַ נס הכי גדול, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אחיזה אין טבע — און דאָס איז:**

**דער „סדר" אין מדינה ההיא איז, אַז די תושבי המדינה ווערן גאָר שטאַרק נאָכגעקוקט מצד דער ממשלה. אַזוי איז דער מצב אויך איצט, ועאכו"כ בזמן ההוא, ובפרט אין פאַרבינדונג מיטן מאסר, ביי וועלכן ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „חיפוש מחופש"[11] און מ'האָט נאָכגעקוקט „בשבע עינים" די אַלע וואָס האָבן געהאַט וועלכע ס'איז שייכות מיטן רבי'ן.**

**און פונדעסטוועגן — באַלד ווי ס'איז נתפרסם געוואָרן אַז מ'האָט דעם רבי'ן אַרעסטירט, האָבן דאָרט** צענדליקער **אידן זיך אַריינגעוואָרפן אין פאַרשידענע פעולות און השתדלות אַז מען זאָל עם באַפרייען[12] — און האָבן זיך ניט גערעכנט דערמיט וואָס זיי ווערן נאָכגעשפירט, האָבן ניט געקוקט אויף די סכנות'דיקע תוצאות וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן.**

**זיי האָבן דאָס געטאָן** בגלוי, **ביז צו שיקן בריוו מיט זייערע נעמען — און נאָכמער: ווענדן זיך אַליין אין די ממשלה־אַמטן וועלכע זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פסק דין און זיך משתדל געווען צו באַווירקן זיי —**

**און לאחר כל זה זעט מען אַ דבר פלא: צווישן די אַלע וועלכע האָבן זיך משתדל געווען בזה, איז ניט געווען** קיין איין־איינציקער **וואָס דאָס האָט אים גע־שאַדט** באיזה אופן שהוא **— ניט בדברים הנוגעים בנפש, ניט בדברים הנוגעים**

לא הו"ל להמתין בברכת הגומל עד שבת, כפסק אדה"ז (סדר ברכת הנהנין שם — משו"ע או"ח סרי"ט ס"ו ומג"א שם) „ונכון שלא לאחר ג' ימים לפיכך אם יצא מן הסכנה ביום ב' . . יברך . . בלא ס"ת ולא ימתין עד יום ה'"

— **ואמירת** תורה **בד"ה ברוך הגומל קודם לש"ק — ה"ז בדוגמת לימוד** ההלכה **בסמיכות לזמן קיומה.**

10) **ע"ד התחלת מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר** מאותו היום **(נדפס בסה"מ תרפ"ז ע' רעה. אגרות קודש שלו ח"א ע' תקצט) — „הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו".**

11) ע"ד **לשון הכתוב — תהלים סד, ז.**

12) **ראה ס' התולדות אדמו"ר מהוריי"צ ח"ג פי"ז ואילך.**

דחנוכה" כשהגיע (דרך חזרתו מפטרבורג) לוויטעבסק (לקו"ד ח"א יב, א), פלך שלו.

ובפרט בנדו"ד, עיר **גלותו** (קאסטראמא) ה"ז **עיר** כמו „בית האסורים", **המשך** ל„בית האסורים" ממש — שפאלערנא.

בגוף, און אפילו ניט בענינים של ממון, אין פרנסה!

אמת, ס'איז דאָ דער כלל אַז „שלוחי מצוה אינן ניזוקין"[13] — זאָגט אָבער די גמרא[13] אַז „היכא דשכיחא היזיקא" איז גאָר אַנדערש (און פאַר אַזעלכע אידן איז דאָך דערביי געווען „שכיחא היזיקא" במלא המובן ויתירה מזו!);

און נאָך מער איז דער פלא: אין דעם זמן קודם המאסר, ועד"ז לאחר המאסר, זיינען געווען אַזעלכע וואָס זייער פאַר־בינדונג מיטן בעל הגאולה האָט זיי געשאַדט בגשמיות [ברוחניות האָט די פאַרבינדונג זיי זיכער מעלה געווען הע־כער און — שלא בערך, אָבער בגשמיות האָבן זיי געליטן וכו'].

בנוגע אָבער דער השתדלות אין דעם שחרור פון דעם רבי'ן וגאולתו, האָט דאָס קיינעם ניט געשאַדט (כנ"ל)! — אפילו ניט בימי המאסר, נאָך איידער ס'איז געקומען דער נס השחרור והגאולה, ווען די סכנה איז געווען בכל תקפה — און אַוודאי ניט נאָך דער גאולה, אויך ניט געשאַדט אין די שפּעטערדיקע זמנים, אפילו נאָך דעם ווי דער רבי איז אַרויסגעפאָרן ממדינה ההיא.

ג. ולהוסיף — י"ל אַז אין אַ פּרט איז דער נס נאָך גרעסער ווי דער נס של הגאולה עצמה — און אפילו מצד חשבו־נות של טבע:

אע"פ אַז די גאולה פון רבי'ן איז געווען אַ נס גלוי, דאָך האָט עס געהאַט אַן אחיזה (און לבוש) אין טבע — ס'איז געווען די השתדלות (בדרכי הטבע) דורך כמה אנשים בעלי השפעה וכו' אין דער מדינה עצמה און אויך פון חוץ למדינה;

בנוגע אָבער די וועלכע האָבן זיך משתדל געווען פאַרן רבי'ן, ובפרט די וועלכע זיינען אַליין געגאַנגען אין די מקומות ומשרדים הכי גבוהים צו בעטן דאָרטן מ'זאָל דעם רבי'ן באַפרייען — איז ע"פ שכל אנושי ניט געווען קיין אָרט אַז דאָס זאָל זיי ניט שאַטן!

ועד"ז מצד רוחניות הענינים: כמובן, איז די גאולה פון רבי'ן געווען פאַר־בונדן מיטן זכות פון זיין מסירת נפש אויף הרבצת התורה וחיזוק היהדות והפצתה, קשור מיט זכות אבות, און נאָך כמה וכמה זכיות. און פונדעסטוועגן איז די גאולה געקומען נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אַזויפיל צער, און זיצן אין בית האסורים, די אַלע יסורים וואָס ער האָט געליטן דאָרט, דערנאָך די פאַרשיקונג וכו' וכו'.

משא"כ די וועלכע האָבן זיך משתדל געווען פאַרן רבי'ן — כולל אויך די צווישן זיי וועלכע האָבן[12] ניט געהאַט קיין מסירת נפש אויף עניני תורה ומצות, אויך אַזוינע וואָס בחייהם הפרטים זיינען זיי ניט געווען שומרי תומ"צ, זיי האָבן באַלאַנגט צו די מפל־גות וכו',

און אעפ"כ האָט זייער השתדלות זיי ניט געשאַדט — ס'איז דורכגעגאַנגען אויף אַ גלאַטן אופן!

ד. ויש לומר בדרך אפשר, אַז דאָס האָט דער רבי גע'פועל't אָדער מבאר געווען (אָדער ביידע צוזאַמען) דורך זאָגן (תיכף נאָך דער בשורת הגאולה) דעם מאמר און ביאור אויפן פסוק „הוי' לי בעוזרי":

גלייך אין אָנהויב מאמר שטעלט זיך

13) פסחים ח, ב. וש"נ. שו"ע אדה"ז או"ח סתל"ג סל"ב.

דער רבי[14], אויפן לשון הפסוק „הוי׳ לי בעוזרי" און פרעגט: „בהשקפה ראשונה" איז משמע „שהאדם יש לו עוזרים רבים והקב"ה הוא עמהם", אָבער דער אמת איז דאָך[15], אַז „אין עוד מלבדו ורק הוא לבדו הוא ית׳ הבורא . . ועוזר לו בכל אשר לו וכמ"ש הרמב"ם[16] יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון . . וכל הנמצאים . . לא נמצאו אלא מאמיתת המצאו"

(און אין סוף מאמר פאַרענטפערט דער רבי, אַז „עוזרי קאי על הבירורים המתבררים שהם העוזרים האמיתים של האדם, וע"ד התלמידים שנקראים בנים", און „הוי׳ לי בעוזרי" מיינט, אַז מ׳איז פועל אַז „גם בהעוזרים יהי׳ גילוי שם הוי׳").

ויש לומר, אַז דערמיט האָט דער רבי געוואָלט (אויך) אַרויסגעבן אַ פסק דין[16*] פון תורה (און אין אַ תורה — אַ מאמר־חסידות, פנימיות התורה, וואָס ווערט אָנגערופן חכמת האמת) בנוגע די אַלע וואָס האָבן זיך משתדל געווען פאַר זיין שחרור — אַז אע"פ אַז „בהשקפה ראשונה" זעט אויס אַז זיי זיינען געווען „עוזרי", עוזרים במצב פון אַ סכנה גלוי׳ (בדרך הטבע) פאַר׳ן עוזר, ובמילא דאַרפן האָבן גאָר גרויסע אויסער־געוויינליכע זכיות אויף ניצול ווערן ובפרט — אַ הצלה באופן אַז עס זאָל ניט בלייבען קיין רושם כלל וכלל,

איז אָבער דער אמת אַז „אין עוד מלבדו ורק הוא לבדו **הוא ית׳ הבורא . .** ועוזר לו", דאָס איז געווען דער עזר נאָר פון „הוא לבדו הוא".

אין דעם פאַל איז געשטאַנען בגלוי (ע"י אמירת המאמר[17]) אַז דאָס איז בלויז דער עזר פון „הוא לבדו הוא". און דער ענין האָט זיך אויסגעדריקט בגלוי ביי די „עוזרים" גופא: די אַלע וואָס האָבן זיך משתדל געווען פאַרן רבי׳ן האָבן דאָס ניט געטאָן מיט אַן אויסגערעכנטן חשבון און סיכויים שכליים, נאָר יעדע־רער פון זיי האָט זיך מוסר נפש גע־ווען[17*] און זיך ניט גערעכנט מיט קיין שום זאַך — מ׳איז געגאַנגען אויף אַלע סכנות׳דיקע וועגן — אפשר וועט מען עכ"פ פאַרלייכטערן דעם מאסר, אָדער אפילו צוהעלפן צו דער גאולה.

און דעריבער האָט דאָ זייער מציאות ניט תופס מקום געווען, און אין זייערע פעולות האָט זיך געקענט אַרויסזאָגן בגלוי אַז דאָס איז ניט זייער עזר, נאָר דאָס איז פון „הוא לבדו הוא" — דאָס טוט דער אויבערשטער.

ובמילא איז פאַרשטאַנדיק בפשטות, פאַרוואָס דאָס האָט קיינעם ניט געשאַדט באיזה אופן שהוא (אפילו ניט

14) ראה גם ד"ה הוי׳ לי בעוזרי בלקו"ת (שמע"צ פח, א). סה"מ תקס"ד ע׳ רכט.

15) להעיר גם מראב"ע עה"פ.

16) ריש הל׳ יסודי התורה.

*16) עפ"ז יומתק מה שמביא תיכף בתחילת המאמר מהרמב"ם דוקא „יסוד היסודות כו'" (שלא הובא בלקו"ת וסה"מ תקס"ד שם) — כי הרמב"ם הוא ספר „הלכות הלכות" (הקדמת הרמב"ם לס׳ היד).

17) ראה לקמן הערה 26.

*17) ויש לומר, שגם ענין זה נרמז בהמאמר, שמאריך ד„בעת צרה ר"ל . . אנו רואים . . דטבע בנ"א . . הם מתקרבים לכל אשר יצליח וכמ"ש רבים אוהבי עשיר ומתרחקים מכל קשי יום ומר נפש ר"ל" — שמזה הוכחה, שההשתדלות של האנשים ההם עבור כ"ק מו"ח אדמו"ר לא היתה מצד טבע נפשם, אלא ענין של מסירת נפש (להעיר מתו"א תולדות יט, סע"ב ואילך).

**שפּעטער) — וויבאַלד אַז דאָס איז דער עזר פון „הוא לבדו הוא", פון „**אמיתת **המצאו"[18], איז דאָך ניט שייך אַז עפּעס זאָל דאָרטן קענען אָנרירן.**

**נאָכמער: מען דאַרף גאָר ניט אָנקומען צו אַ „נס" דאָס זאָל ניט שאַטן — ס'איז ע"פ** טבע **אוממעגלעך צו אָנרירן דעם „אמיתת המצאו".**

**קומט אויס, אַז מ'האָט זיך (לאמיתתו של דבר) אפילו ניט אַריינגעשטעלט אין אַ „מקום סכנה"[19] (וואו מען דאַרף אָנ־קומען צו אַ נס גדול צו ניצל ווערן דערפון) — ווייל דאָס האָט געטאָן בגלוי „אמיתת המצאו" (נאָר דאָס איז געווען** דורך **פלוני ופלוני כו'[20]); אַזוי אַז מלכ־תחילה איז ניטאָ קיין אָרט אַז דאָס זאָל אימיצן שאַטן באיזה אופן שהוא. אין דעם פאַל איז אַזוי די** טבע **הדברים.**

**ה. דערביי דאַרף מען אָבער באַוואָ־רענען:**

**לפי הנ"ל וואָלט מען לכאורה געקענט קומען לידי מסקנא, אַז עס קומט זיי ניט ח"ו קיין שכר, ווייל דער עזר איז זיך מתייחס ניט צו זיי, נאָר צו „אמיתת המצאו" וואָס „אין עוד מלבדו".**

**אָבער „אין הקב"ה מקפח שכר כל ברי'"[21], ועאכו"כ וק"ו וכו' — פון די אַלע וועלכע האָבן זיך מוסר נפש געווען אין זייערע באַמיאונגען פאַר דעם שחרור פון רבי'ן וגאולתו — אַז שכרם איז גאָר גרויס,**

**און דאָס באַוואָרנט דער רבי אין סוף מאמר, וואו ער איז מפרש דעם לשון „הוי' לי בעוזרי", אַז עוזרי זיינען די „בירורים המתבררים" (וואָס דאָס איז ע"ד ווי עס שטייט אין משנה[22] אַז „העושה מצוה . . קונה לו פרקליט" — פון דער מצוה[23] ווערט באַשאַפן אַ מלאך וואָס העלפט אים) — אויך איז דער רבי דערביי מוסיף: „וע"ד התלמידים שנק־ראים בנים".**

**ולכאורה: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער ענין (אַז תלמידים ווערן אָנגערופן בנים) צום ענין פון הוי' לי בעוזרי?**

**נאָר מיט די עטלעכע ווערטער איז**

18) **עפ"ז יומתק מה שמביא בתחילת המאמר „דד' תיבות אלו יסוד היסודות ועמוד החכמות הם ר"ת** הוי'" **(ומאריך דשם הוי' הוא המהווה ורק שההתהוות בפועל הוא ע"י שם אלקים) — כי בזה מדגיש שהעזר הזה אינו מתייחס לשם אלקים (מדת הגבורה והצמצום) כ"א לשם** הוי'**, שאין מקום למציאות, אין עוד מלבדו כי הוא המהווה המציאות וכו'.**

19) **דידועה השקו"ט אם מחויב להכנס לספק סכנה להציל את חבירו (ראה ב"י וב"ח לטור חו"מ בסופו. וראה אנציקלופדי' תלמודית ע' הצלת נפשות ע' שמח־ט.** וש"נ**) — ב' הדיעות הובאו בשו"ע אדה"ז חלק חו"מ הל' נזקי גוף ונפש כו' (סעיף ז), ומסיק „וספק נפשות** להקל"***. ובהל' שבת (סשכ"ט ס"ח) סתם כדיעה הב' (שאין ליכנס בספק סכנה). ולהעיר שבנדו"ד: א) ההשתדלות כו' במדינה ההיא כו' היתה יותר מ(סתם) ספק סכנה. ב) לאידך, הצלחת ההשתדלות (ע"י הנמצאים במדינה, תחת ממשלה ההיא) היתה** בספק גדול**, וצ"ע האם גם בנדון כזה יש חיוב (גם לדיעה הא') ליכנס בספק סכנה. וראה אנציקלופדי' תלמודית שם. ואכ"מ.**

*) אבל להעיר, שדיעה הב' (שאין חיוב) וכן ההכרעה (דספק נפשות להקל) הן **בחצע"ג** — ראה שארית יהודה (לאחי אדה"ז) סי' ו (נעתק בהוספות לשו"ע אדה"ז או"ח ע' 52 [1356]). וראה קונטרס השולחן (להררא"ח נאה) מבוא ס"ח. ואכ"מ.

20) **ראה לקמן סעיף ה.**

21) **מכילתא ורש"י משפטים כב, ל.**

22) **אבות פ"ד מי"א. וראה מפרשים שם.**

23) **ראה לקו"ת שם (צ, סע"א ואילך. וראה סה"מ תקס"ד ע' רלג) — הביאור (ע"ד החסידות) „איך המצות הם עוזרי".**

דער רבי מדגיש, אַז דער פירוש פון „בעוזרי" בלייבט (אויך) כפשוטו, אַז עס זיינען פאַראַן „עוזרים רבים", כולל „עוזרים" כפשוטו — די אידן וועלכע האָבן אים אַרויסגעהאָלפן וואָס דערמיט זיינען זיי געוואָרן תלמידיו ובניו, זיי זיינען „עוזרי"; וואָרום וויבאַלד אַז אַ איד האָט בחירה חפשית, און זיי האָבן בוחר געווען צו טאָן די עניני השתדלות, הייסן זיי „עוזרי" און באַקומען דערפאַר דעם פולן שכר[24].

ואעפ"כ איז דאָס ניט קיין סתירה צו דעם וואָס ער שרייבט אין התחלת המאמר אַז „אין עוד מלבדו ורק הוא לבדו הוא ית' הבורא . . ועוזר לו" — ווייל ס'איז „הוי' לי בעוזרי", ווי ער טייטשט אין סוף מאמר (כנ"ל) אַז אין די עוזרים זאָל לייכטן דער גילוי שם הוי'. ד.ה. אַז דער אויפטוער פון דעם עזר איז דער הוי'[25] וואָס איז מאיר אין „עוזרי".

וי"ל אַז דאָס איז אויך דער טעם פאַרוואָס דער רבי האָט מקדים געווען זאָגן דעם מאמר „הוי' לי בעוזרי" פאַר דעם מאמר „ברוך הגומל" — ווייל צום אַלעם ערשטן דאַרף מען באַוואָרענען[26] אַז פון דעם „טוב שגמלני" זאָל ניט אַרויסקומען אַן ענין שלא כדבעי ביי אַ צווייטן, ובפרט ביי די וועלכע האָבן זיך משתדל געווען אין דער הצלה; און ניט נאָר זיי זאָל גאָרניט שאַטן, כנ"ל, נאָר נאָכמער — אַז זיי זאָלן באַקומען דערפאַר דעם פולן שכר.

ו. אין דעם מאמר הנ"ל (בתחלתו), נאָך דעם ווי דער רבי שטעלט זיך אויף התחלת הכתוב „הוי' לי בעוזרי", פרעגט ער אויפן צווייטן טייל פסוק „ואני אראה בשונאי": פאַרוואָס בעט מען „ואני אראה בשונאי" (זען נקמה אין די שונאים) — לכאורה האָט די בקשה געדאַרפט זיין, אַז די אויבים און שונאים זאָלן נהפך ווערן לאוהבים וקרובים?

און דער רבי איז מוסיף[27]: „והגם דכל שנאתו של דוד הי' רק לשונאי ה' וכמ"ש[28] הלא משנאיך הוי' אשנא ובתקוממיך אתקוטט, ומ"מ הלא כתיב[29] יתמו חטאים מן הארץ וארז"ל[30] חטאים כתיב ולא חוטאים, והיינו שהחוטאים יעשו תשובה".

ויש לומר, אַז דערמיט האָט דער רבי באַוואָרנט נאָך אַן ענין בקשר צו זיין גאולה (וואָס קומט אויך איידער מען זאָגט „הגומל"), נאָר אין צווייטן קצה:

24) ראה דרמ"צ ו, ב (ע"פ ב"ק צב, ב: חמרא למרי' טיבותא לשקיי') — נת' בלקו"ש ח"ז ע' 14 הערה 22. עיי"ש.

25) ראה לעיל הערה 18 הדיוק בתחילת המאמר בנוגע לשם הוי', שמצד שם הוי' אין מקום למציאות.

26) ומה שאמר מאמר זה לאחרי גאולתו — י"ל כי אמירת פסק זה בתורה היתה כדי שתפעול בעולם, ולכן שייך זה להזמן של הגאולה שאז כבר התחיל הביטול של כח הלעו"ז כו'.

בסגנון אחר: גאולת כ"ק מו"ח אדמו"ר היא שהביאה עמה ופעלה „גאולה" לכל העוזרים בגאולתו, וגילה זה למטה בפועל (בהעוזרים) ע"י אמירת המאמר, „פסק" התורה.

אבל „פסק" זה פעל גם למפרע (על הזמן שקודם הגאולה), כי התורה היא למעלה מזמן, וכדברי הירושלמי הידועים (נדרים פ"ו ה"ח. ועוד) שע"י פסק ב"ד בתולי' חוזרין. וג"ז שייך להדגשה בהמאמר על שם הוי' (ראה הערה 18), כי הוי' הוא למעלה מזמן, הי' הוה ויהי' כאחד (רע"מ בזח"ג רנז, סע"ב. שער היחוד והאמונה פ"ז (פב, א)).

27) ראה גם ס' הערכים־חב"ד ערך אהבת ישראל (ע' תרכו־ז. וש"נ) — ע"ד הנהגת כ"ק מו"ח אדמו"ר.

28) תהלים קלט, כא.

29) תהלים קד, לה.

30) ברכות י, רע"א.

אָט די וועלכע האָבן אַרעסטירט דעם רבי'ן און אים פאַרשאַפט יסורים — ניט נאָר יסורי הגוף נאָר אויך (ובעיקר) יסורי הנפש: געשטערט זיין עבודת ה', ובפרט זיצנדיק אין מאסר — זיינען זיי דאָך אין גדר פון „משנאיך הוי' אשנא"; און דערפאַר וואָלט לכאורה געווען מתאים אַז נאָכן נצחון איבער זיי זאָל מען צו זיי האָבן דעם יחס פון „ואני אראה בשונאי" כפשוטו — אַן ענין פון נקמה; ניט אַ נקמה אישית ח"ו, נאָר נקמת הוי' („משנאיך הוי'") —

איז עס דער רבי שולל גלייך אין אָנהויב מאמר, אַז אפילו בנוגע די „שונאי" וועלכע זיינען אין דעם גדר פון „משנאיך הוי'", דאַרף זיין די בקשה (ניט „אראה בשונאי" כפשוטו, נאָר) „יתמו חטאים ולא חוטאים", ווייל מען דאַרף מתפלל זיין[31] „שהחוטאים יעשו תשובה".

און דאָס איז דער קשר צווישן די צוויי ענינים אין פסוק: בשעת מען דער־הערט אַז ס'איז „אין עוד מלבדו ורק הוא לבדו הוא ית' הבורא כו'" — ס'איז „הוי' לי בעוזרי" — דאַן דערהערט מען דעם אמת אויך בנוגע „שונאי", אַז דאָס וואָס מ'ליידט פון דעם „שונא" איז ניט ווייל ער האָט אין דעם עפּעס אַ כח ח"ו, נאָר (כמבואר בארוכה אין אגרת הקודש[32]) — „כי הוי' אמר לו קלל"[33]; האָט דאָך במילא קיין אָרט ניט (און דאָס איז דער רבי שולל אין דעם פירוש פון „ואני אראה בשונאי") אַז דאָס זאָל מעורר זיין אַ געפיל פון נקמה, כמובן פון אגה"ק דאָרט.

ה. אין וואָס באַשטייט יע דער תוכן פון „ואני אראה בשונאי"? — זאָגט דער רבי אין סוף מאמר[34]: בכדי להגיע לבחי' ראי' („ואני אראה") וכמאמר[35] איזהו חכם הרואה את הנולד . . הוא ע"י המנגד דוקא („בשונאי").

דאָס הייסט: לא זו בלבד אַז „שונאי" רופן ניט אַרויס אַ רגש של נקמה, נאָר אדרבה: וויסנדיק אַז דאָס וואָס מ'טרעפט זיך אָן אויף אַ מנגד, אַ שונא, איז אַ זאַך וואָס קומט מלמעלה, און דער צווייטער איז בלויז אַ שליח פון אויבערשטן („הוי' אמר לו"), זוכט מען און מ'געפינט אין דעם די הוראה מלמעלה אין דער אייגע־נער עבודה, ביז באופן פון ראי'[36] בזה — און מען קומט צו דער מסקנא, אַז דאָס אַלץ איז געווען כדי צו דערגרייכן אַ העכערע דרגא אין עבודת ה' — עבודה בבחי' ראי'[37].

31) ראה ברכות שם.
32) סכ"ה (קלח, ב). ע"ש. וראה בארוכה לקו"ש שם ע' 14 ואילך.
33) ש"ב טז, י. — הובא בתחילת המאמר שם. וראה לקמן בשוה"ג הג' להערה 37.

34) ראה גם לקו"ת שם צ, ב. סה"מ תקס"ד שם.
35) תמיד לב, א.
36) שהיא למעלה משמיעה והבנה סתם (תו"א עה, א. לקו"ת צו יז, ב. ואתחנן ג, ג. ובכ"מ).
37) בהמאמר שם לפנ"ז מפרש „ואני אראה בשונאי" — „ע"י עבודתו הוא מוציא את הניצוץ והרע מתבטל מאליו". ויש לומר, דב' הפירושים ב„ואני אראה בשונאי" — (א) שהרע מתבטל כו'*, (ב) שיגיע לבחי' ראי' ע"י המנגד — הם בהתאם**

*) וראה במאמר שם שמביא עוד פירוש ב„ואני אראה בשונאי" — „שיתגלה האמת שהם שונאי ה' שאינם חפצים בגילוי . . שם הוי'". ע"ש. ואכ"מ.
**) ובלקו"ת שם (וכן בסה"מ תקס"ד שם) מבאר, שהענין ד„ואני אראה" (בחי' גילוי) הוא ע"י אתהפכא חשוכא לנהורא, כי גילוי השמחה הוא ע"י ביטול כל מונע כו' — והיינו שב' הפירושים תלויים זב"ז.

**און דוקא נאָך דעם ווי מען דערהערט דעם ענין פון „הוי' לי בעוזרי ואני אראה בשונאי" בתכלית אין יידע פרטים – אַז סיי בנוגע „עוזרי" און סיי בנוגע „שונאי" איז אַלץ אַן ענין פון „הוי' לי" (ווייל „אין עוד מלבדו") – דעמאָלט קומט בשלימות דער „ברוך הגומל כו' שגמלני טוב", אַז מען דערהערט ווי ס'איז „גמלני" פון דעם אויבערשטן אַליין,**

**און עס קומט אַראָפּ אין טוב גלוי, בטוב הנראה והנגלה למטה מעשרה טפחים, ביז – בלשון הרב[38]: דגם מחזיקי התורה הם מאושרים ומבורכים בכל טוב.**

(משיחות י"ב תמוז וש"פ בלק תשכ"ו)

---

**לב' הסוגים ב„שונאי":**

**א) מאוה"ע כו' שהם מג' קליפות הטמאות לגמרי (תניא ספ"א) – בהם הענין ד„ואני אראה בשונאי" הוא ש„מוציא את הניצוץ והרע מתבטל מאליו".**

**ב)** מבנ"י, **דישראל אע"פ שחטא** ישראל **הוא (סנהדרין מד, רע"א) – אין לומר עליהם „מוציא את הניצוץ" (ראה תניא ספי"א. סה"מ קונטרסים ח"א רס, א)***, ומתפללים עליהם „יתמו חטאים ולא חוטאים". ולגבם הענין ד„ואני אראה בשונאי" הוא שע"י מגיעים לבחי' ראי'.**

38) **סד"ה ברוך הגומל הב' (דש"פ פינחס תרפ"ז), הנ"ל הערה** 5.

---

*****)** וצע"ק שבמאמר שם מקשר זה עם המבואר „בענין הקהה את שיניו דרש"ע כשלוקחים ממנו השי"ן נשאר רע כו'" (שזה אומרים להבן רשע). ולהעיר ממשנ"ת כמ"פ (לקו"ש ח"א ע' 252. חי"א ע' 2. ועוד) בדיוק לשון ההגדה „אילו הי' **שם** לא הי' נגאל", אבל עכשיו לאחרי מ"ת גם רשע כמותו יהי' נגאל.

וי"ל, שענין זה שייך רק ל„דואג ואחיתופל" (שמביא שם), כי עליהם נאמר (משנה סנה' ר"פ חלק) שאין להם חלק לעוה"ב. ועפ"ז יומתק שהדוגמא בהמאמר למנגדי דוד היא רק מהם ולא משאול או שמעי בן גירא (וגם בתחילת המאמר מביא רק מה ש„דוד בעצמו אומר כי הוי' א"ל קלל" ולא הזכיר שמו בפירוש).